בלומינגראוו
# שטימע
BLOOMING GROVE VOICE
די פֿאַראייניגטע 'שטימע' פון תושבי 'בלומינגראָוו' והגלילות
יו"ט שבועות תש"פ
Vol. 14-A
United Jewish Community of Blooming Grove

**זמנים**
**ליום טוב שבועות**
הדלקת הנרות
8:01
סו"ז קריאת שמע
8:34
זמן מוצש"ק ויו"ט
9:35

א פרישע דורכברוך ב"ה ערלעדיגט אינערהאלב יו. דזשעי. סי. להציל נפשות מישראל

## סאפיסטיקירטע "חברה הצלה" ראדיא סיסטעם איינגעשטעלט צווישן קרית יואל און בלומינגראוו צו פארזיכערן לעבנס – וויכטיגע קלארע קאמיוניקאציע על כל צרה שלא תבא

העפטיגע ארבעט און שתדלנות פון יו. דזשעי. סי. דורכאויס די לעצטע וואכן און חדשים ברענגט ענדליך געוואונטשענע רעזולטאטן מיט קאסטבארע טעכנאלאגישע דורכברוך לטובת העיר

4

## מאסיווע דרייוו אנצושליסן אלע משפחות אריינצוגעבן אפליקאציעס און רעגיסטירן פאר סקול באס סערוויס דורך די דיסטריקט

"יו.דזשעי.סי." באווייזט צו פארלענגערן דעדליין ביז ענדע מאי למספרם

פארנאכלעסיגט נישט: פאמיליעס וואס פארנאכלעסיגן און רעגיסטרירן נישט באצייטנס וועלן דארפן צאלן פאר טראנספארטאציע העכער $70 א וואך פער קינד

6

## געניטער סיסטעם פון "דרייוו – טרו שריפת חמץ" פאראיבער מיט אויסטערלישע ערפאלג, צו די העכסטע צופרידנהייט פון אלע תושבי העיר

7

## "יו. דזשעי. סי." אינטערוועניערט צו ערמעגליכן בעסערע סערוויס דורך לאקאלע "סאניטאציע" "דעפארטמענט" פאר קינדער געבענטשטע פאמיליעס

8

## "והחוט המשולש"; די דריי – פאַכיגע וויסטע העצע קעגן דאס בלומינגראווער אידנטום

## פאזיטיוו איבערוואכונג, רענטאל דירות, אין די אידישע שטאט בלומינגראוו, ווערן פארדינגען פאר אידן

5

# ברוכים אתם לה'

**ברוכים אתם לה'!** א הארציגן גרוס אייך, טייערע תושבי העיר, גוטע ברודער אנשי שלומינו שיחי', נאך א צייט אפשניט פון א שווערע תקופה וואס מיר זענען אלע אריבער, אינאיינעם מיט כלל ישראל בכל מקומות מושבותיהם.

אצינד, לקראת דעם הייליגן יום טוב שבועות הבא לקראתינו לשלום, הייבט זיך אויף די אויגן מיט א שבח והודאה להשי"ת אז מען האלט שוין ב"ה דא, ווען צוביסלעך קומט מען שוין צוזיך נאך דעם ביטערן קריזיס, און בחסדי השי"ת קריכט מען שטאפלווייז ארויס דערפון מיט געזונט און לעבן, אנחנו אלה פה היום כולנו חיים היום. **מודים אנחנו לך, על חיינו המסורים בידך ועל נסיך שבכל עת.**

גלייכצייטיג זענען די הערצער פון אידישע קינדער ווייטער פאראייניגט צו מתפלל זיין פאר די חולי ישראל וועלכע זענען נאך אנגעוויזן אויף רחמי שמים, ובתוכם זענען תושבי עירינו מעתיר בתפלה פאר אחד המיוחד מחשובי רבני עירינו, **הגה"צ רבי יצחק מרדכי בן הענדל רייזל שליט"א, אבד"ק ראדאוויץ**, לרפו"ש בקרוב, און געוויס האפט מען צו השי"ת אז עס זאל שוין נעמען אן ענדע צו אידישע ליידן, מען זאל שוין שטענדיג הערן בלויז בשורות טובות ישועות ונחמות.

★ ★ ★

שוין עטליכע יאר וואס אונזער באליבטע געגנט 'בלומינגראוו', די בליענדע און אויפגייענדע עיר ואם בישראל, האט זיך ארויסגעשטעלט צו זיין א ישועה ורוחה פאר אזויפיל הונדערטער קינדער געבענטשטע פאמיליעס, וועלכע האבן זיך דא אריבערגעצויגן צו געניסן פון א לעבן מיט הרחבת הדעת און מנוחת הנפש.

אבער אט די "ישועה ורוחה" איז ווירקליך ארויסגעקומען אין אירע שענסטע קאלירן און פארבן, אין די פארלאפענע תקופה, דורכאויס די לאנגע וואכן פון דעם שווערן קריזיס, ווען תושבי בלומינגראוו האבן גענאסן, און געניסן פאקטיש ווייטער, פון עפעס וואס פאר אזויפיל אחינו בני ישראל אומעטום איז דאס בלויז א טרוים, וואס מען קען זיך בלויז ווינטשן עס זאל פארווירקליכט ווערן.

אין דער צייט וואס קינדער געבענטשטע משפחות אין די געדיכט- באוואוינטע געגנטער האבן זיך אויפאמאל געטראפן מיט אלע קינדער אין די קליינע דירות און צעשטיפטע בנינים, אָן קיין פלאץ, אָן קיין רואיגקייט און אָן קיין לופט צום אטעמען, האבן די גליקליכע תושבי "בלומינגראוו" כאטש געהאט די שטיקל הרוחה, דאס ביסל רואיגקייט, וויסנדיג אז טראץ דעם וואס עס קומט אָן טאקע באמת שווער צו האלטן די קינדער אינדערהיים אזויפיל ענדלאזע וואכן, איז אבער פארהאן די מעגליכקייט פאר קינדער צו שעפן פרישע לופט, צו ארויסגיין אויף די פרייע גאס און שפילן אין די גרויסע 'גראונדס', אין די אנגענעמע הויפן פארנט און הונטן פון די הרחבה'דיגע דירות.

דוכט זיך אז ס'איז נישט פארהאן קיינער פון די תושבים וועלכער האט נישט געהערט מערערע מאל דעם זעלבן סלאגאן פון נאנטע קרובי משפחה: "אה, יעצט האט זיך דיר אויסגעצאלט דאס מופן קיין בלומינגראוו..." ווייל דאס איז טאקע די ווירקליכקייט וואס אלע האבן געשפירט.

אין א צייט וואס דער "ישיבת כרכים קשה" איז ליידער געווארן אזוי אומדערטרעגליך "קשה", שיינט נאכמער ארויס די נאבעלע קאנטראסט, דאס רואיגע און נעימות'דיגע לעבנסשטייגער אין שויס פון נאטור, צווישן די בלומינגראווער וועגן און שטעגן, וואס שפיגלט אפ די אידעאלע קאמבענאציע פון א שטאט וועלכע שפרידלט מיט אידישע פאמיליעס אויף יעדן גאס, אבער איז פארט א באשיידענע הערליכע געגנט מיט גענוג הרחבת הדעת צו ערציען די קינדער מיט א רואיגן געמיט.

אויך אין רוחניות'דיגן זין האט "בלומינגראוו" זוכה געווען צו געניסן פון בעסערע אומשטענדן. אין יענע שווערע וואכן, צווישן פורים און פסח, ווען דער קול תורה ותפלה איז ליידער כמעט פארשטימט געווארן בכל רחבי תבל, האבן אבער תושבי עירינו זוכה געווען צו א פארהעלטנסמעסיגע רואיגקייט ווען מען האט געקענט אראנזשירן קלענערע מנינים בימות החול ובשב"ק, אויף די פרישע לופט, לויט אלע זיכערהייט רעגולאציעס.

**מה נאוו על ההרים!** ווי שיין זענען געווען די סצענעס ווי פילע זייטיגע "דעד - ענד" געסלעך זענען פארוואנדלט אין ווארימע חסידישע קלויזן וואו אידן האבן אפגעראכטן זייערע קביעות'דיגע מנינים מנחה מעריב און תפלות שב"ק, און ווי זיס און אנגענעם איז געווען צו הערן דאס הייליגע קול תפלה, קדושה און אמן יהא שמי' רבא, וועלכע האבן אפגעקלינגען צווישן דיביימער און גראז אויף די שטילע בלומינגראווער געסעלעך און האבן איינגעהילט די שטאט אין א חן פון קדושה אין א צייט וואס דער קול תפלה איז ליידער געווען אזא יקר המציאות אין די גרעסערע אידישע געגנטער.

אט די חבה יתירה וואס "בלומינגראוו" האט זוכה געווען איז ווירקליך קענטיג אויך אויף דעם געבענטשטן פלוס פון פרישע תושבי העיר, וועלכע האבן געטון דעם ריכטיגן שריט בעיני אלקים ואדם, און האבן זיך אין די לעצטע וואכן ארויסגעצויגן אהער, צו זיין א טייל פון די וואונדערליכע הארמאניע און ברידערשאפט וואס נעמט ארום "בלומינגראוו" מיום היווסדה.

די "פאראייניגטע אידישע קאמיוניטי" די יו.זשעי.סי., בשם אלע תושבי העיר, טוט טאקע הערצליך באגריסן די נייע

# אין די טעג קומט אן ביי מערערע פאסט קעסטלעך, עבעסענטי אפליקאציעס ביטע אוועקלייגן

**די יו.זשעי.סי. איז אין פארבינדונג מיט אדוואקאטן וויאזוי עס אויסצונוצן אויפ'ן בעסטן וועגן לטובת אחב"י תושבי השכונה**

# פאר די בעלאט פאר די סקול בודזשעט ביטע אריינצייכענען NO

די לאקאלע סקול דיסטריקט פראגע בויגן, גיבט דעם באשלוס איבער די מיינונג פונעם ציבור צוצולייגן 3 אהאלב מיליאן דאלער צום ביז יעצטיגן אויפגעשוואלענעם בודזשעט מיר קענען זיך עס נישט ערלויבן, אז מ'זאל העכערן די אזוי אויך הויכע טעקסעס

**ביי די שטימע באורד מעמבערס זאל מען נישט אנצייכענען, ביטע צוריקשיקן צייטליך, בעפאר June 9, עס איז פאר אייער אינטרעסען**

תושבים מיט א ברידערליכן "**ברוכים הבאים בשם השם**". אייער אנוועזנהייט אין דער שטאט איז אונז א געבענטשטער ערשיינונג, וואס וועט בלי ספק פיל צוגעבן צו די אייגנארטיגע און קאלירפולע כאראקטער פון אונזער – אייער באליבטע געגנט ביז משיח'ס טאג. **יהא בואכם לברכה!**

★ ★ ★

די צייט פון א קריזיס – זאגט די וועלט – איז די ריכטיגע און אמת'ע מבחן אויף די אינערליכע נאטורן און אמביציעס פונעם מענטש, און אויב איז דאס זיכער גילטיג אין געווענליכע אומשטענדן, איז דאך עס געוויס אזוי ווען עס איז די רעדע פון אזא סארט געשעעניש, אַן איינמאל - אין -לעבן קריזיס, וואס מיר זענען נארוואס אריבער.

אקוראט דאס איז געקומען צום אויסדרוק מיט די נאבעלע און זעלטענע איבערגעגעבנקייט פון די היימישע עסקנים ושתדלני הציבור, וועלכע האבן פון די ערשטע מינוט זיך ארויסגעשטעלט צו זיין בייהילפיג מיט וואס נאר מעגליך צו לינדערן די שווערע לאגע פאר אלע תושבי העיר צוגלייך.

אין יעדן הינזיכט, האט זיך ארויסגעצייגט דאס שיינקייט און וויכטיגקייט פון האבן אזא געטרייע און אחריות'דיגע פארטערשאפט, ווי דער ""יו.דזשעי.סי." קאמיטע אין שפיץ פון די צרכי הכלל והפרט דא אין שטאט. וואס רעכנט אריין צווישן אנדערע דאס מסדר זיין די חלוקה לאקאציעס פאר דאס עסן פון אלע מוסדות התורה און פארשפאָרן פאר די היזיגע איינוואוינער'ס די לאנגע רייזעס צו די קרית יואל'ער חלוקה לאקאציעס; אראנזשירן די געלונגענע "שריפת חמץ" דרייוו – טרו; דורכפירן די וואונדערליכע "מעגא פסח פראגראם" מיט ריזיגע הנחות פאר תושבי העיר; זיין אין שטענדיגע קאנטאקט מיט די אינסטאנצן צו פארזיכערן אז תושבי העיר זאלן נישט באקרידעוועט ווערן דורך די לאקאלע אגענטורן, א.א.וו.

**דוכט זיך אז ס'איז נישט פארהאן קיינער פון די תושבים וועלכער האט נישט געהערט מערערע מאל דעם זעלבן סלאגאן פון נאנטע קרובי משפחה: "אה, יעצט האט זיך דיר אויסגעצאלט דאס מופן קיין בלומינגראוו..." ווייל דאס איז טאקע די ווירקליכקייט וואס אלע האבן געשפירט.**

געוויס קוקן מיר אלע ארויס אויף ווייטער אז די נאבעלע פאראייניגטע כח פון דאס בלומינגראווער אידנטום, וואס איז אזוי שיין ארויסגעקומען אין צייטן פון ענגשאפט, מיט אזא זעלטענע אחריות און געפיל פאר יעדן יחיד פון די תושבי העיר, זאל טאקע ווייטער אנהאלטן מיט דעם זעלבן שיינקייט און פראכט, אויך אין פריידן, אויף שמחות ביי אונז אלעמען. עס זאל נתקיים ווערן דער "שמחנו כימות עניתנו" מיט געזונט, רואיגקייט און אחדות, יִקָּרֵא לָךְ עִיר הַצֶּדֶק קִרְיָה נֶאֱמָנָה!

**די רעדאקציע פון "בלומינגראוו שטימע" וואונטשט פאר אלע איינוואוינער, אנשי שלומינו ותושבי עירינו, און פאר גאנץ כלל ישראל, א פרייליכן און לעכטיגן יום טוב, מועדים לשמחה חגים וזמנים לששון!**

א פרישע דורכברוך ב"ה ערלעדיגט אינערהאלב יו. זשעי. סי. להציל נפשות מישראל

# סאפיסטיקירטע "חברה הצלה" ראדיא סיסטעם וועט ווערן איינגעשטעלט צווישן קרית יואל און בלומינגראוו צו פארזיכערן לעבנס – וויכטיגע קלארע קאמיוניקאציע על כל צרה שלא תבא

## העפטיגע ארבעט און שתדלנות פון יו. זשעי. סי. דורכאויס די לעצטע וואכן און חדשים ברענגט ענדליך געוואונטשענע רעזולטאטן מיט קאסטבארע טעכנאלאגישע דורכברוך לטובת העיר

צווישן די "יו. זשעי. סי." קארידארן האט מען זיך די וואך געוואונטשן א פריידיגן "לחיים", אין בוכשטעבליכן זין פון ווארט, ווען מען האט ב"ה אפיציעל באשטעטיגט א פרישע וויטגרייכנדע אנטוויקלונג, דאס מאל אין סאמע לעבנס וויכטיגן געביט פון הצלת נפשות, דאס אהערשטעלן אן עפעקטיוון און קלארן "ראדיא סיסטעם" פאר די "חברה הצלה ד'קרית יואל", עפעס וואס רירט צו צום סאמע וואוילזיין און געזונט - רואיגקייט פון די הונדערטער היימישע פאמיליעס דאהי אין אונזער שטאט.

די געגנט בלומינגראוו האט בעז"ה די פריוויליגע אז ווען די ערשטע משפחה האט זיך דאהי אריינגעצויגן האט תיכף די געטרייע "קרית יואל הצלה" אריינגענומען די בלומינגראווער גרעניצן אונטער זייערע געטרייע פליגלען, וברם יזכרו לטובה.ווירקליך האבן בלומינגראווער איינוואוינער נישט גענוג ווערטער צו באדאנקן די הארציגע חברה הצלה וועלכע סערווירן אונזער געגנט מיט די זעלבע געטריישאפט, פראפעסיאנאלקייט ווי אין קרית יואל גופא.

דאס איז אין צוגאב צו די עטליכע חשוב'ע מעמבער תושבי עירינו, וועלכע זענען שטענדיג גרייט על כל צרה שלא תבא, און האבן די זכי' צו זיין די פאקטישע מצילי נפשות צו העלפן און ראטעווען אידישע קינדער על כל צעד ושעל.

אבער שוין א לאנגע צייט וואס די שתדלני הציבור פון יו. דזשעי. סי., אינאיינעם מיט די הצלה אנפירער פון קרית יואל, זענען פארמישט הונטער די קוליסן אין א גאר קריטישער און וויכטיגע הצלת נפשות פראיעקט, נעמליך דער "ראדיא סיסטעם" צווישן די צוויי געגנטער, וואס איז דאך א הויפט געצייג אין די הצלת נפשות ארבעט פון הצלה, ווען יעדע איבעריגע מינוט קען מאכן דעם דיפערענץ.

טראצדעם וואס די "קרית יואל הצלה" האט איינגעשטעלט א גאר קאסטבארן און געניטן "ראדיא סיסטעם" וואס קען קאמיוניקירן לענגאויס לאנגע מיילן ארום קרית יואל, האט זיך אבער אויסגעשטעלט אז דייקא אונזער געגנט "בלומינגראוו", וואס געפינט זיך ממש א שפאן אוועק פון קרית יואל, האט צומאל שוועריגקייטן מיט'ן ראדיא סיסטעם, וואס איז נישט גענוג קלאר און רעאגירט נישט געהעריג, אין צייטן ווען מען דארף דאס אזוי וויכטיג האבן.

ווי די הצלה טעכניקער האבן אנגעצייגט איז די אורזאך דערפון איז צוליב דעם וואס צווישן די צוויי געגנטער שיידט אפ א גאר הויכן בארג, וואס פאראורזאכט אז די ראדיא סיגנאלן זאלן ווערן פארלוירן אדער אפגעהאקט, וואס באדייט א געוואלדיגע געפאר חלילה, ס'זאל זיך ח"ו קיינמאל נישט מאכן, ווייל ווען ס'האנדלט זיך אין סכנת נפשות מוז מען דאך האבן דאס שנעלסטע קאמיוניקאציע וואס נאר מעגליך, און נישט פארלירן אפילו איין קריטישע סעקונדע.

ובכן, אז ס'איז פארהאן א נויט אין שטאט בלומינגראוו, א געברויך פאר די צרכי העיר, זענען עס די געטרייע שליחי הציבור, די באורד מיטגלידער פון יו. דזשעי. סי. וועלכע האבן זיך אריינגעווארפן צו לעזן דעם פראבלעם מיט הארץ און געפיל.

שוין לאנגע חדשים וואס די געטרייע עסקנים, אינאיינעם מיט די ראשי הצלה פון קרית יואל, זענען מטכס עצה און מען קוקט זיך אום אויף אלע סארט טעכנאלאגישע און ראדיא סיסטעמען, וועלכע זאלן טון די ריכטיגע ארבעט, פאר'ן קריטישן נויט פון הצלת נפשות.

במשך די צייט איז מען נאכגעגאנגען מערערע פארשלאגן, דורך פארהאנדלען מיט פירמעס און עקספערמענטירן אנדערע ענליכע סיסטעמען. דאס זעלבע האט מען געשאפן די נויטיגע פאנדן צו דעקן אזא ריזיגן אבער נויטווענדיגן פראיעקט. די עסקני הציבור האבן זיך אריינגעלייגט צו ברענגען די בעסטע און קראנטסטע רעזולטאטן פאר א שטאנדהאפטיגע סיסטעם, וואס זאל זיין דויערהאפטיג, שארף און קלאר, און זיך האלטן פאר לאנגע יארן.

איז עס דעריבער א געוואלדיגע פרייד צו מעלדן די העכסט - פאזיטיווע אנטוויקלונג אז אין די פארלאפענע וואכן איז בעז"ה באשטימט געווארן די ענדגילטיגע לאנג ערווארטעטע ראדיא טעכנאלאגיע וואס וועט אהערשטעלן א גאר מאכטפולען און שארפן סיסטעם, לטובת די חברה הצלה און לטובת אלע תושבי העיר.

אין די קומענדיגע צוויי וואכן וועט בעז"ה אויפגעשטעלט ווערן א גאר קאסטבארער און סאפיסטיקירטער ראדיא טורעם אויפ'ן העכסטן פונקט פון אונזער געגנט בלומינגראוו, ביים שפיץ פון די 'סיערס' גאס, וואס וועט פארזיכערן אז די הצלה ראדיא 'קאנעקשאן' קיין קרית יואל איז אויפ'ן העכסטן און בעסטן ניוואו, בעסער באקאנט מיט'ן טערמין: "א 5X5 סיסטעם", וואס איז די סאמע שארפסטע לעוול פון קאמיוניקאציע, נישט צו פארלירן אפילו קיין איבעריגע מינוט פון הצלת נפשות.

ווידעראמאל זעהט מען ב"ה די וואונדערליכע סייעתא דשמיא וואס באגלייט דעם געטרייען כח האחדות, דעם הארציגן כח הציבור און כח השתדלנות, להציל עם רב ולכונן עיר מושב על תהלה.




מיר ווילן הערן "אייער שטימע"!

**אין דעם קאָלום וועלן אי"ה ערשיינען די בריוון און קאָמענטאַרן פון בלומינגראָווער איינוואוינער צו דער רעדאַקציע.**

**אדרבה, שרייבט! איבער סיי וועלכע נושאים איר האַלט ס'קען פאַראינטערעסירן און נוגע זיין אַנדערע תושבי העיר, למען תועלת הציבור.**

שרייבט צו דער רעדאַקציע:
**BGVoice@UJCofBloomingGrove.org**


# פאזיטיוו איפוואכונג, רענטאל דירות, אין די אידישע שטאט בלומינגראוו, ווערן פארדינגען פאר אידן

**צו די רעדאקציע פון "בלומינגראוו שטימע" הע"י.**

זייענדיג די פלאטפארמע פון דעם גאנצן ציבור, אחים לדעה תושבי עירינו, שפיר איך אז איר זענט דאס פאסיגע פלאץ ארויסצוברענגען אין עטליכע שורות מיינע געפילן איבער א וויכטיגן ענין וואס באריהרט אונז אלע במשרים ובעקיפין.

ב"ה אז איך האב זיך אהערגעצויגן מיט אומגעפער 3 יאר צוריק, ווען די געגנט איז נאך אריבער די ערשטע חבלי לידה פון אויפשטעלן א אידישע שטוב. ווער האט זיך דען דעמאלט געגלייבט אז בלויז עטליכע יאר שפעטער ווען מען שוין האלטן דא, מיט אזא הרחבת גבולי הקדושה אויף אלע זייטן, כה יתן ה' וכה יוסיף.

נאטורליך אז אלס אן איינוואוינער דא האב איך אסאך מיטגעהאלטן וויאזוי היימישע אייגנטומער פון הייזער און בראוקער'ס, כולם אהובים כולם ברורים, האבן געקויפט און פארקויפט, גערדינגען און פארדינגען, אלע סארט הייזער אין אלע עקן פונעם געגנט, ווען ב"ה אז רובא דרובא פון הייזער זענען אנגעקומען אין אידישע הענט, צוליב דעם וואס די אייגנטומער און בראוקער האבן פארשטאנען אז דאס איז די ריכטיגע און אויסגעהאלטענע שריט, מענטשליך און תורה'דיג, צו העלפן און ח"ו נישט צו שטערן דעם בליה פון א אידישע געגנט.

פארט איז אבער אין די ערשטע תקופה יא געווען א שטיקל נסיון ביי געוויסע, צו פארדינגען הייזער פאר גוים, מיט'ן אויסרייד אז דאס לוינט בעסער, ווייל מען קען אנגעבליך פארדינען מער געלט און אינוועסטירן ווינציגער אין דאס הויז, וואס איז געווען א געוואלדיגע שטער פאר אונזער געגנט.

הגם מיר וואוינען דאך לכתחלה צווישן אונזערע גוי'אישע שכינים מיט רואיגקייט, איז אבער א גרויסער חילוק צווישן די צוויי סארט איינוואוינער. אין דער צייט וואס די היזיגע אלטגעסעזענע גוים זענען געווענליך מער עלטערע און שטילערע מענטשן, וואס לעבן מיט קלענערע פאמיליעס, ווי דער אלגעמיינער שטייגער פון די "אפסטעיט" איינוואוינער. זענען אבער די "געסט" וואס זענען אהערגעקומען אין גערדינגענע הייזער, מער פון די יוגנטליכע סארט, וועלכע ברענגען מיט זיך א גרויסן רעש און טומל, מיט אנדערע אומאנגענעמע נאכווייען וואס ס'איז אומבע'טעמ'ט צו ארויסשרייבן אלע פרטים.

איז טאקע אינטערסאנט וואס כ'קען מעיד זיין בפה מלא, און דאס האב איך אויך געהערט פון מערערע אידן וועלכע זענען עוסק אין דעם מארקעט, אז ממש כמעט יעדעס מאל וואס מען האט פארדינגען א הויז פאר די אינם בני ברית, האט זיך דאס ענדגילטיג ארויסגעשטעלט מיט א "יצא שכרה בהפסידה". עס האט זיך נישט אויסגעצאלט די עגמת נפש און אנדערע קאנסקעווענצן וואס מען האט געהאט דערפון.

ווידעראום פארקערט, מערסטנס אייגנטומער וועלכע האבן ארייגשטעלט אידישע משפחות אין זייערע הייזער, זענען ב"ה העכסט צופרידן און באאיינדרוקט, ווייל פון א גוטע זאך קומט נישט ארויס קיין שאדן.

די סיבה פארוואס איך שרייב אייך די ווערטער איז צו אויסדרוקן מיין הנאה און קורת רוח אז ב"ה אין די לעצטע צייט איז פארהאן א געוואלדיגע פאזיטיווע איפוואכונג אין דעם הינזיכט, וואס איז קענטיג בפועל אויף די גאנצע כאראקטער פון אונזער געגנט.

עס דארף טאקע דערמאנט ווערן די חשוב'ע "רעהו יעזורו", וועלכע האבן זיך ארייגעלייגט אין דעם פעלד צו העלפן היימישע היים אייגנטומער טרעפן אידישע טענענטס פאר גוטע פרייזן, זאל זיי טאקע דער אייבערשטער העלפן מיט די וויכטיגע פראיעקט און האבן הצלחה מיט זייערע פעולות אין דעם הינזיכט.

דאס זעלבע דארף באגריסט ווערן מערערע היימישע "בראוקער'ס", פילע פון זיי וועלכע זענען זעלבסט תושבי העיר, וואס האבן אוועקגעשטעלט זייער שטרענגע 'פאליסי' צו ארייינברענגען דא אין געגנט בלויז אידישע משפחות. די אלע אידן פארדינען אונזער גרעסטע שעצונג און אנערקענונג און ס'איז נישט קיין ספק אז דער גרויסער זכות וועט זיי שטענדיג באגלייטן צו ווערן געבענטשט מיט פרנסה טובה און כל מילי דמיטב.

ביטע ארייינשטעלן מיינע ווערטער לתועלת הכלל.

* * *

**אנטווארט פון רעדאקציע:**

א דאנק פאר'ן ארייינשיקן די אינהאלספולע שורות מיט אייער ריכטיגע אויפפאסונג איבער די הכרת הטוב וואס מיר אלע תושבי העיר, פארמאגן צו די טייערע אידן, היים אייגנטומער און בראוקער'ס, וועלכע רעכענען זיך מיט די בלוט און שווייס פון אידישע קינדער, וועלכע זענען דא ארויסגעקומען אין דעם ארץ לא זרועה צו מגדל זיין קינדער על דרך התורה והמסורה.

בלויז די פארגאנגענע וואך, שב"ק פרשת במדבר העעל"ט, האט אחד מפארי רבני עירינו, **כ"ק אדמו"ר מזאבליטוב שליט"א, טאקע אדרעסירט די וויכטיגע נקודה ביי די דברי תורה בעת רעוא דרעוין, און האט שטארק אויפגעפאדערט אז אידן וועלכע פארמאגן דא הייזער זאלן וויסן זייער אחריות נישט חלילה צו מצער זיין די תושבי העיר און זיך קימערן מיט אונזערע געפילן און מיט אונזער חינוך הדורות, און נישט דערלאזן אז בעד בצע כסף זאל מען פאראומרייניגן אזא שיינע געגנט.**

די רעדאקציע פון "בלומינגראוו שטימע" וועט בעז"ה אין די קומענדיגע אויסגאבעס ווייטער באגלייטן די פאזיטיווע תיקון לטובה, וואס איז ב"ה אנטשטאנען אין דעם געביט, למען עתיד שכונתינו לשם ולתפארת.

# מאסיווע דרייוו אנצושליסן אלע משפחות ארייצוגעבן אפליקאציעס און רעגיסטירן פאר סקול באס סערוויס דורך די דיסטריקט

## "יו.זשעי.סי." באווייזט צו פארלענגערן דעדליין ביז ענדע מאי למספרם

## פארנאכלעסיגט נישט: פאמיליעס וואס פארנאכלעסיגן און רעגיסטרירן נישט באצייטנס וועלן דארפן צאלן פאר טראנספארטאציע העכער $70 א וואך פער קינד

ווי שוין גוט באקאנט פאר'ן ציבור תושבי העיר, איז די יו.זשעי.סי שטארק אקטיוו אויף פארשידענע פראנטן, און מען פרובירט מיט אלע מעגליכקייטן צו פארבעסערן די באס טראנספארטאציע פון אונזערע קינדערלעך צו די מוסדות התורה אין קרית יואל. טראץ וואס ליידער איז אינטערגעקומען די שווערע תקופה ווען די מוסדות התורה זענען צוגעמאכט, און באסעס איז אויף די מאמענט נישט אקטועל, איז מען אין די קארידארן פון די יו.זשעי. סי נישט געשלאפן, און עסקנים זענען געזיצן די לעצטע חדשים מיט די סקול בארד פון די לאקאלע וואשינגטאנוויל סקול דיסטריקט, מיט די טאון באהערדע און נאך איבער די נושא פון די באסעס.

באזונדער איז דיסקוסירט געווארן מיט פארשידענע באס קאמפעניס איבער פרייזן און סערוויסעס, און מ'פרובירט אויסצורעכענען דאס בעסטע עס זאל קענען צוגעשטעלט ווערן פיל מער באסעס, דאס באדייט שנעלערע און פונקטליכע רוטס, צו יעדע צייט, צו און פון אלע מוסדות התורה, מיט א געניטע דיספעטשינג אפיס, עס זאל זיין צו וועם צו רעדן אין פאל פון א פראבלעם.

זעלבסט פארשטענדליך אז די אלע פארהאנדלונגען זענען אקטועל בלויז ווילאנג עס איז דא די פאנדינג, וואס ווערט געגעבן פאר יעדע איינוואוינער וואס וואוינט אין א הויז וואס צאלט "סקול טעקס" וואס אלע זענען בארעכטיגט צו געניסן באס טראנספארטאציע פאר זייערע קינדער צו די מוסדות החינוך. די פאנדינג ווערט געגעבן 'בלויז' פאר קינדער וואס רעגיסטרירן זיך פאר טראנספארטאציע בעפאר די נייע לערן-יאר הייבט זיך אן.

די אריגינעלע דאטום צו רעגיסטרירן צו די סקול דיסטריקט איז ביז למספרם אפריל דעם ערשטן, צוצוהעלפן דעם ציבור איז ארויסגעלייגט געווארן דערמאנונגען אז מ'זאל רעגיסטרירן צום דערמאנטן דאטום, ליידער בלויז עטליכע טעג פאר די דעדליין האט זיך אנגעהויבן די קאראנע תקופה. מיר האבן דעמאלץ זיך איינגעבעטן ביי די סקול באורד צו פארלענגערן דעם דעדליין, און מ'האט עס טאקע פארלענגערט ביז שביעי של פסח.

צו אונזער טיפע באדויער און שאקירונג, - נאכן ארייינלייגן צענדליגער שעות פון פלאנירונג - האט אונז די וואך די סקול באורד געלאזט וויסן אז פון העכער 800 קינדערלעך בליעה"ר כ"י פון די פאמיליעס וואס שיקן צו די מוסדות אין קרית יואל זענען "בלויז 469 קינדער רעגיסטרירט" צו געניסן פאנדינג פאר טראנספארטאציע!

זעלבסט פארשטענדליך אז ס'איז נישט קיין שום יושר אז קינדער וואס זענען אחריות'דיג רעגיסטרירט געווארן זאלן נישט באקומען געהעריגע באס סערוויס, צוליב וואס עס איז













נישטא די פאנדינג פון אנדערע פאמיליעס וואס נוצן די באסעס און באצאלן נישט דערפאר.

מאכנדיג דעם חשבון קומט אויס: די קאסט פון טראנספארטאציע פאר א קינד, צו קענען געניסן פון די באס סערוויס, גרייכט עס צו העכער $70 פער קינד, יעדע וואך!! דאס איז א גרויסע סכום וואס וועט "בלית ברירה מוזן גערעכנט ווערן" פאר קינדער וואס זענען נישט רעגיסטרירט אינעם דיסטריקט.

און דאס איז א ווי-געשריי אז געלטער וואס אלע שטייער צאלער געניסן זאל פארברענט ווערן לאיבוד צוליב נאכלעסיגקייט פון נישט רעגיסטרירן די קינדער פאר טראנספארטאציע פונעם סקול דיסטריקט.

די גוטע נייעס איז: נעמענדיג אין באטראכט די שווערע מצב ווען עלטערן זענען איבערגעשטרענגט, די קינדער זענען אינדערהיים האט מען ארייינגעלייגט אסאך שתדלנות, און מ'האט ב"ה מצליח געווען צוריק צו עפענען די רעגיסטראציע ביז ענדע חודש מאי למספרם, מיר האפן אז ווען איר לייענט די שורות עספיעט איר נאך ארייינצושיקן די אפליקאציע.

מיר בעטן אייך זייער, טייערע עלטערן, אויב האט איר נאכנישט רעגיסטרירט, זייט אחריות'דיג, נוצט אויס די געלעגענהייט און רעגיסטרירט ווי אמשנעלסטן צו געניסן פון די באס סערוויס, זייט נישט קיין צועק לשעבר, דאס איז א חסרון שלא יוכל להמנות, רעגיסטרירן שוין און בעז"ה וועט מען מצליח זיין צו קענען צושטעלן בעסערע און באקוועמע סערוויס פאר די בעסטע פרייז (מעגליך ביז אומזיסט) צום צופרידנהייט פון אלע קינדער און עלטערן.

אויב האט איר שוין אריינגעשיקט די אפליקאציע, און איר ווילט זיכער מאכן אז די קינדער זענען רעגיסטרירט? דאן רופט אריין צום סקול דיסטריט אפיס, 845-497-4046 און פארלאנג פאר מרת סאנשעצ. Mrs. sanchez אדער שיקט אן אימעיל: vsanchez@ws.k12.ny.us

**שמחתי באומרים לי בית ה' נלך!**

# גענויטער סיסטעם פון "דרייוו – טרו שריפת חמץ" פאראיבער מיט אויסטערלישע ערפאלג, צו די העכסטע צופרידנהייט פון אלע תושבי העיר


United Jewish Community of Blooming Grove
Mailing address: PO Box 808 Monroe, NY 10949 • hotline: 845-237-4828 • Email: Info@UJCofBloomingGrove.org

Isaac Eckstein
Board Chairman
Joel Stern
Board Representative
Robert S. Rosborough IV
Board Counsel
Joseph Weinberger
Finance / Fundraising
Abraham Weiss
Chaim Gluck
David Krausz
Hershel Lowy
Mordche Holtzer
Moshe Halpern
Shia Bitman
Board members

בס"ד

שטייענדיג בעפאר דעם יו"ט פסח, אין ליכט פונעם מצב האט די יו.דזשעי.סי. ערלעדיגט מיט די אינסטאנצן אהערצושטעלן א

דרייוו-טרו שריפת חמץ
אין צענטער פון שטאט
אנגעהויבן פון 9:30 אינדערפרי ביז סוף זמן שריפת חמץ
הארט נעבן די געוועזענע באנק אויפ'ן רט. 208

עס וועט זיין צוגעשטעלט א גרויסע קאנטעינער, מ'וועט זיך קענען אפשטעלן אריינלייגן די חמץ, און גלייך גיין ווייטער

עס וועלן זיין אנוועזנד די לאקאלע פאליציי און פייער דעפארטמענט, און דער ליעזאן ר' יצחק בערנאטה הי"ו
מ'בעט דעם ציבור אויסצופאלגן די אנווייזונגען פון די סדרנים אויפ'ן פלאץ, עס זאל ארויסקומען א קידוש ה' בעזהשי"ת

נעמט אין אכט למען הסדר וועט מען נישט קענען בלייבן שטיין מער ווי די "עטליכע סעקונדעס" ווילאנג עס נעמט אריינצולייגן די חמץ אינעם דאמפסטער, און מ'וועט גלייך דארפן גיין ווייטער

מ'זאל ברענגען צום פארברענען בלויז די מינימום וואס שייך

מ'וועט נישט אויסלעשן די פייער ביז אלע חמץ ווערן פארברענט אויף אש

כל חמירא זאל מען זאגן נאכדעם, עס מוז נישט געזאגט ווערן נעבן די פייער

בברכת חג כשר ושמח
United Jewish Community of Blooming Grove

אויך אין ברען פון אנגעשטרענגטע "קאוויד-19" קריזיס האבן אידן אין בלומינגראוו געקענט מקיים זיין די מצוה חביבה מיט'ן גרעסטן הידור, רואיגקייט און זיכערקייט

געמיינזאמע קאארדענאציע און צוזאמארבעט צווישן היימישע עסקני הציבור מיט לאקאלע אגענטורן רופט ארויס זעלטענע קידוש ה' און התפעלות

תושבי בלומינגראוו באדאנקן זיך מעומק הלב פאר אלע געטרייע עסקנים, שלוחי הציבור, וועלכע האבן אוועקגעגעבן די אנגעשטרענגטע "ערב פסח" צייט צו באגלייטן די גאנצע אפעראציע מיט אחריות און ערפאלג

באזונדער ווערט אויסגעדרוקט א הכרת הטוב פאר'ן פיליעריגער עסקן נמרץ ובעל חסד הרה"ח מוה"ר יצחק בערנאטה הי"ו, ליעזאן פון "סאוט בלומינגראוו פייער דעפארטמענט", וועלכער האט ערמעגליכט די סוקסעספולע אינטערנעמונג








בס"ד

# השתדלו והרבה תחנה ובקשה

בקשו רחמים מרובים לרפואתו השלימה והמהירה של כבוד הגאון הצדיק

## מרן רבי יצחק מרדכי בן הענדל ריזל שליט"א

פאר רבני עירינו

אבד"ק מאורות נתן ראדאוויץ

הזקוק לרחמים שמים לרפואה שלימה בתושח"י

# "יו. דזשעי. סי." אינטערוועניערט צו ערמעגליכן בעסערע סערוויס דורך לאקאלע "סאניטאציע דעפארטמענט" פאר קינדער געבענטשטע פאמיליעס

שוין לאנג וואס תושבי בלומינגראוו באקלאגן זיך אויף די היבש צוריקגעשטאנענע רעגולאציעס פון די היזיגע סאניטאציע אגענטור, וועלכע קלויבן צונויף דאס גארבידזש בלויז איינמאל יעדע וואך, און ערלויבן בלויז איין מיסט קאנע פאר יעדע פאמיליע, סיידן אז מען צאלט צו נאך געלט פאר נאך א קאנע, א זאך וואס טרעפט זייער שווער אָן קינדער געבענטשטע פאמיליעס וועלכע דארפן זיין פארנומען צו ציילן און מעסטן וויפיל "גארבידזש" מען איז ערלויבט צו ארויסלייגן...

איבערהויפט שטייענדיג אין די תקופה, ווען די קינדער געפינען זיך אין שטוב ערב בוקר וצהרים, וואס באדייט אויטאמאטיש אז דער צאל פון מיסט ווערט געדאפלט אין יעדע אידישע שטוב פון אלע מאלצייטן וואס די קינדער עסן געווענליך אין די בניני המוסדות, און דאס קלעקט פארשטענדליך נישט אויף די מאגערע צאל "גארבידזש" וואס די סאניטאציע דעפארטמענט ערלויבט ארויסצולייגן אויף אמאל.

ווירקליך האט מען מיט עטליכע וואכן צוריק געהערט פון מערערע אידישע פאמיליעס וועלכע האבן זיך אנגעשטויסן אין א שטרענגע און אומפארשטענדליכע באנעמונג דורך דורך די סאניטאציע דעפארטמענט וועלכע האט דירעקט איבערגעלאזט פילע הויפענעס מיט "גארבידזש", צעווארפן פארנט פון אידישע שטובער, און האבן זיך אנטזאגט צו נעמען נאך מיסט, נישט ווילנדיג זיך רעכענען מיט די אומשטענדן.

"יו. דזשעי. סי", האט זיך באלד ארייגעווארפן אין די שתדלנות צו לינדערן דעם פראבלעם פון אזויפיל תושבי העיר און ב"ה אז נאך א סעריע פון עפעקטיווע שריט איז ערמעגליכט געווארן צו עטוואס פארלייכטערן די באציאונגען מיט די סאניטאציע דעפארטמענט, וועלכע האט, די פארלאפענע ערב שבועות וואך, פאקטיש געטוישט זייער באנעמונג און שוין געזאמלט געהעריג אלע גארבידזש, אן מאכן אויסנאמען און איבערלאזן שמוץ פארנט פון אידישע שטובער.

פארשטענדליך אז דאס איז דערווייל בלויז א "ישועה פורתא", זינט עס איז פארהאן א שטארקע געברויך אז מען זאל מער אפט אפנעמען דאס "גארבידזש", ווי עס איז איינגעשטעלט אין אלע אידישע געגנטער, ווי עס איז פארהאן א פריינטליכע אדמיניסטראציע.

גלייכצייטיג איז וויכטיג צו אויפמערזאם מאכן דעם ציבור, איבער א וויכטיגע ביטע פון די קאוד אינפארסמענט באאמטע בנוגע 'באלק גארבעדזש'. אז עס ווערט ערלויבט בלויז איין באלק גארבעדזש פער וואך. ווי זיי זאגן וועט מען אויפנעמען אלע גארבעזש וואס ליגט ביי די קענס, און איינס באלק גארבעדזש.

די שלוחי הציבור פון "יו. דזשעי. סי." זענען ווייטער פארטון אין שדתלנות אין דעם געביט, און מען האפט אז בקרוב, מיט אן אלגעמיינע טויש אין די גאנצע אדמינסטראציע בעז"ה, וועט אויך קענען צושטאנד קומען א פאזיטיוון טויש אין דעם געביט פון גארבידזש, צווישן אלע אנדערע וויכטיגע אישוס וועלכע דארפן געלעזט ווערן, פאר די הרחבת הדעת און תועלת פון אלע תושבי עירינו.





די קאוד אינפארסמענט אינספעקטער, און די פאליציי פאלגן נאך די ארבעט פון די סאניטאציע

United Jewish Community of Blooming Grove

# חג הביכורים
# הכרת הטוב!

מיט די קורצע שורות, טוען מיר איבערגעבן הארציגע דאנק פאר די חשוב'ע עסקנים כל אחד בשמו הטוב יבורך וואס טוען ארויסהעלפן מיט'ן ברענגן די חלוקות פון די מוסדות התורה אין קרית יואל, צו אונזער געגענט אין בלומינגראוו!

עס איז אוממעגליך ארויסצוברענגן די געוואלדיגע הילף, וואס איר טוט, און וואס איר שפארט אייך אונזערע משפחות

עס איז זיכער איז די גרויסע זכותים וועלן אייך ביישטיין בתוך כלל ישראל געבענטשט צו ווערן בכל מילי דמיטב,

וואו עס וואונטשט בברכת יו"ט

**בשם אלע תושבי העיר**

פותחין בכבוד האכסניא

הרב **אייזיק ראטענבערג** שליט"א
רב דביהמ"ד קאזשעוו

מו"ה **יואל אבראמאוויטש** הי"ו
מו"ה **אפרים הערשקאוויטש** הי"ו
מו"ה **יואל שמואל טויבער** הי"ו

און זייער עקרת הבית וואס האבן אוועקגעגעבן זייער שטח וואו מ'זאל אפנעמען די פעקלעך

מוסדות דרבינו יואל ד'סאטמאר

מו"ה **יואל גאלדשטיין** הי"ו מו"ה **יואל מויזקאף** הי"ו

מוסדות ויואל משה ד'סאטמאר

מו"ה **אהרן יואל ראלניצקי** הי"ו מו"ה **אלימלך אראן** הי"ו
מו"ה **הערש אליעזר קאהן** הי"ו

ובמיוחד מטעם המוסד

מו"ה **אלימלך אייזענבערג** הי"ו

מוסדות בני יואל ד'סאטמאר

מו"ה **אברהם פריעדמאן** הי"ו מו"ה **יואל שווארץ** הי"ו

ברכה מיוחדת פאר די וואס האט צוגעשטעלט א

**פריידזשערדער טראק בלי תשלום גמור**

פאר די עסקן פעקלעך

מו"ה **משה יהושע פאזען** הי"ו

ההולך בדרכי אבות, מע"כ ידידינו לב טוב ומיטיב

מו"ה **שמעון ישראל פאזען** הי"ו

בכבוד האכסניא משמש דק"ק צאנז זמיגראד

מו"ה **לייבל הערשקאוויטש** הי"ו





**קאלירט גרין**, זענען אריינגענומען אינעם גרויסן עירוב, און ווערן יעדע וואך איבערגעקוקט דורך דעם משגיח שליט"א.

**קאלירט געל**, זענען די שטחים וואס האבן מעגליך א פריוואטע עירוב מחובר צום גרויסן עירוב. עס איז אייער אחריות מברר זיין די הכשר און בדיקת העירוב נאר דאן מעג מען טראגן אין די שטחים

**קאלירט פורפיל**, זענען די שטחים וואס נאר דאן ווען אלע אנדערע עירובין זענען כשר מעג מען טראגן אין די שטחים

**קאליר רויט**, טאָר מען נישט טראָגן

*בתי מדרשים ומקוואות - בעיר בלומינג גראוו*

א - חכמת שלמה ד'קאזאווע ב - קהל יטב לב ד'סאטמאר (ראגאוק) ג - דברי חיים צאנז זמיגראד
ד - קהל יטב לב ד'סאטמאר (מעריוואולד) ה - היכל הקודש - ברסלב ו - זכרון שארית יוסף פוזנא
ז - מאורות נתן ראדאוויץ ח - אמרי פנחס קאריץ ט - ביהמ"ד קרעמעניץ י - עבודת ישראל קאזניץ
יא - בית המדרש זאבליטוב יב - בית המדרש באניא יג - ביהמ"ד שכונת סאן אנטאניא


Sponsored by:

RICH BUILDERS
347-452-7017 845-478-4783

printcenter
845-783-6179


ווועד העירוב ד'בלומינג גראוו
Vaad HuEruv of Blooming Grove
בפיקוח הרב מאיר בערקאוויטש שליט"א, אב"ד קאריץ

דער עירוב ענדיגט זיך:

1) Route 208 & Duelk Ave
2) Route 208 & Merriewold Ln
3) By Shortcut on Kingsville Drive

מען טאָר בשום אופן נישט טראָגן אויף די פאלגנדע פלעצער:

1) Ft Worth Pl between Dallas Dr & Houston Ave
2) From Houston Ave to Sears Rd
3) From Sears Rd to Houston Ave
4) Tappan Dr.
5) Mountain Road
6) lake Shore & Tanager

**מיט די עירוב קען מען**
**נישט טראגן קיין**
**קרית יואל יצ"ו**

פאר אלע שאלות בנוגע די עירוב קען מען זיך פארבינדן מיטן קאריצער רב שליט"א אויף 347-803-6907

**האטליין 845-210-5777**
Text "eruv" to our hotline for weekly status
Text "status" to our hotline for one time notification

פאר די כשרות מעלדונג עש"ק רופט נאך
דעיליייט סעיווינגס טיים (פארגעריקטע צייט) נאך 5:30 PM
איסטערן סטענדארד טיים (נארמאלע צייט) נאך 4:00 PM

Please donate at:
bloominggroveeruv.com
or text our hotline


צו קויפן און פארקויפן א הויז רופט מען: 845-662-1849
REALTY BLUE group

אין די סאַריע פון

**אֵת כָּל הַתְּלָאָה אֲשֶׁר מְצָאָתְנוּ...**

# השתלשלות השתדלנות

## "והחוט המשולש"; די דריי - פאַכיגע וויסטע העצע קעגן דאס בלומינגראַווער אידנטום

אריינטרעטנדיג אין דעם געהויבענעם זמן מתן תורתינו, האט אידן אין אפסטעיט ניו יארק אויפגענומען מיט דערלייכטערונג די אפיציעלע מעלדונג פון די ניו יארקער באהערדע וועלכע באשטעטיגן אז די שרעקליכע "קאוויד 19" עפידעמיע איז שוין ב"ה כמעט גענצליך פאראיבער פון דעם היזיגן "מיד - האדסאן" ראיאן, וואס רעכנט אריין די סאליוואן און ראקלענד קאונטיס, וואו מען האט שוין בעז"ה אנגעהויבן דעם פראצעדור צוריק צו עפענען די געגנט און זיך צוריק קערן צום געהעריגן לעבנסשטייגער ווי בעפאר דעם ווירוס.

"קאוויד 19" איז שוין טאקע כמעט פאראיבער, אבער דערמיט איז ליידער נישט פארשווינדן געווארן די וויסטע שנאה און העצע צו אונז אידן, תושבי בלומינגראוו, דורך אונזערע "געטרייע" ערוועלטע באאמטע אין דעם היזיגן ווילעדזש, וועלכע האבן אין לויף פון דעם קריזיס געהאט איין איינציגע מיסיע פאר די אויגן; צו מבאיש ריח זיין און באשמיצן לפני העמים והשרים זייערע פרידליכע אידישע שטייער צאלער.

אין דריי באזונדערע פעלער האט זיך ארויסגעשטעלט דאס הארטנעקיגע און אומפארשטענדליכע האס אן קיין גבולים, וואס האט **צום באדויערן ארויסגעשפראצט אומאויפהערליך פון די היזיגע "ווילעדזש" באאמטע, וועלכע האבן גענומען פאר זייער פערזענליכע ציל צו אפשטעלן און ענדיגן דעם וואוקס און בלוה פון די אידישע קאמיונעטי, פאר יעדן פרייז, היל"ת.**

צום אלעם ערשטן איז עס געווען דער אמטירנדער מעיאר פון אונזער "ווילעדזש אוו סאוט בלומינגראוו", וועלכער האט געשפירט פאר וויכטיג צו זיין דער סאמע ערשטער פון עטליכע מעיארן וועלכע האבן, באלד ביים אנהויב פונעם אויסברוך, אונטערגעשריבן און אריינגעשיקט אן אפיציעלע פארלאנג צום גאווערנער פון ניו יארק, אז **די שטאט קרית יואל זאל ווערן דעזיגנירט אלס א באלדיגע "קאנטעינמענט זאנע", צוליב אירע כלומר'שטע מיסברויכן אין באהאנדלען דעם ווירוס ריכטיג, מיט'ן איינציגן ציל צו פאראלאזירן די גאנצע היימישע עקאנאמיע מיט ווייטגרייכנדע קאנסקעווענצן חלילה.**

ווידעראמאל האט דער מעיאר ארויסגעצייגט זיין אמת'ן פרצוף ביי די "טעלעפאן קאנפערענצן", וועלכע זענען פארגעקומען רעגלסמעסיג אינאיינעם מיט הונדערטער רעגירונג און הילפס באאמטע פון דעם גאנצן "ארANזש קאונטי" ראיאן, וואו ער האט באשמיצט זיינע איינוואוינער אז מען האלט דא אפן שולן און בתי מדרשים, ווייל אידן אין בלומינגראוו זענען 'קעירלעס' און זענען די גורם צו אנשטעקן אנדערע מיט דעם ווירוס...

ווען דאס האט נאכנישט געווירקט האט דער מעיאר פארשארפערט זיין העצע מיט'ן איינמעלדן פאר אלע אריבער 150 גאווערמענט באאמטע, וואס די גאנצע טעמע איז זיי נישט נוגע, **אז פון בלומינגראוו פארן יעדן טאג ארויס קארס קיין קרית יואל, וואו מען טראגט קינדער לערנען תורה באהאלטענערהייט.**

**דער מעיאר זעלבסט האט גענומען די מיה און פערזענליך נאכגעפארן "ווענס" צו זעהן אויב מען טראגט אדער מען ברענגט קינדער פון אידישע שטובער אין בלומינגראוו. ער איז ארויס פון זיין וועג און בכבודו ובעצמו געלאקערט אויף אינגעלייט מיט קארס און ווענס, אלעס, כמובן, מיט זיין גרויס 'זארג' פאר אונזער וואוילזיין...**

דאס זעלבע ווירטשאפט האט מען מיטגעהאלטן מיט די אנדערע ווילעדזש באאמטע, א שטייגער ווי איינע פון די טראסטי קאנדידאטן, **א באקאנטע וויסטע אנטיסעמיטקע, וועלכע איז ארומגעפארן טעראריזירן אידישע משפחות, צו זוכן אויב עס קומען פאר ערגעץ וואו מנינים,** און נאכשרייענדיג משפחות וועלכע האבן שפאצירט צוזאמען.

**אידן אומעטום, לאו דוקא בלומינגראווער איינוואוינער, זענען אייגנטליך געווען שאקירט און געפלעפט צו מיטהאלטן די אפענע העצע און הסתה וואס איז געלופטערט געווארן אין אונזער ריכטונג דורכאויס דעם קריזיס, איינמאל און נאכאמאל, מיט אזא טיפע און עפענטליכע שנאת ישראל וואס האט נישט קיין פרעצעדענט אין קיין איין אנדערע אידישע געגנט.**

פאר די העסליכע עלעמענטן אין שפיץ פון די יעצטיגע פיינטליכע אדמיניסטראציע האט נישט צופיל גענוצט דער פאקט אז דאס בלומינגראווער אידנטום האט זיך אזוי שיין און אחריות'דיג צוגעשטעלט צו אלע פאראָרדענונגען פון די געזונטהייט אגענטורן און פון די רעגירונג. זיי האבן זיך אויך נישט געקימערט מיט די הערליכע סצענעס פון קידוש ה', וואס איז דורכגעפירט געווארן דורך די אחריות'דיגע עסקנים, סיי מיט די נאבעלע "פוד - באנק" פאר די שכינים, און סיי מיט די אנדערע פרטים ווי זיכערהייט מאסנאמען און עקוויפמענטס, שריפת חמץ, א.א.וו. ווען מען האט זיך צוגעשטעלט און אקעגעקומען די אינסטאנצן מיט אלע זייערע פארלאנגען, זיי צו צייגן אז די אידישע געמיינדע זוכט צו העלפן און זיך צושטעלן מיט אלעם וואס נאר שייך.

**ווייזט אבער אויס אז די "שנאת עולם לעם עולם" ווערט נישט בטל אויך אין "קארונע צייטן"...**

און דאס אלעס איז **פארגעקומען** אין א זמן ווען אפילו דער באזעסענער גוי פארשטייט אז ס'איז נישט די פאסיגע צייט זיך צו קריגן און זיין פארנומען **מיט האס און צעטיילונג, אבער ווייזט אויס אז ווען מען האט נאר איין איינציגע** מיסיע פאר די אויגן, צו עוקר זיין דעם איד משרשו חלילה, דאן איז "השנאה מקלקלת את השורה" און מען רעכנט זיך נישט מיט די געווענליכע נארמע.

**געוויס האפט מען און מען קוקט ארויס אז עס זאל נתקיים ווערן דער "עת צרה הוא ליעקב וממנה נושע", די לעצטיגע פאסירונגען זאלן שוין זיין די לעצטע קלאפ און עס זאל לאנג נישט געדויערן ביז די לאקאלע פאזיציעס וועלן בעז"ה אינגיכן ערזעצט ווערן מיט א יושר'דיגע פארטרעטער פונעם גאנצן ציבור תושבי העיר, וואס וועלן רעפרעזענטירן יעדן יחיד מיט רעספעקט און יושר, על פי דרך התורה והמסורה.**

■ ■ ■

United Jewish Community
of Blooming Grove
Est. 2019

# United Jewish Community of Blooming Grove

Mailing address: PO Box 808 Monroe, NY 10949 • Hotline: 845-237-4828 • Email: Info@UJCofBloomingGrove.org

בס"ד

**Isaac Eckstein**
*Board Chairman*

**Joel Stern**
*Board Representative*

**Robert S. Rosborough IV**
*Board Counsel*

**Joseph Weinberger**
*Finance / Fundraising*

**Abraham Weiss**
**Chaim Gluck**
**David Krausz**
**Hershel Lowy**
**Mordche Holtzer**
**Moshe Halpern**
**Shia Bitman**
*Board members*

אויף די אינציאטיוו פון די יו.זשעי.סי. האט די פאליציי און קאוד אינפארסמענט
נאכגעפאלגט די סאניטאציע דעפארטמענט זיכער צו מאכן אז זיי טוען נישט
פארנאכלעסיגן די ארבעט, בפרט ביי אידישע פאמיליעס

## זיי האבן אבער זייער געבעטן אז
# באלק גארבעדזש
## זאל מען נאר ארויסלייגן
# בלויז איין אייטעם פער וואך

ביטע זיך האלטן דערצו, און בעז"ה וועט זיך אלעס שטעלן אין פלאץ בעז"ה

---

אויף די אינציאטיוו פון די יו.זשעי.
סי. האט מען ב"ה באוויזן ביי די
אינסטאנצן,

## אפצושטופן אויף דערוויייל, דאס גיבן געלט שטראף טיקעטס פאר הויז אייגענטומער, וואו מ'האט נישט געשניטן די גראז.

### ביז קומענדיגע מיטוואך נשא, למספ' יוני 3

התורה חסה על ממונם של ישראל,
ביטע שניידט די גראז בעפאר, און
פארשפארט עגמת נפש!

---

# רעפלעקטאר
## ונשמרתם דריוו

אונז אלע ווייסן וויפיל
מאל עס האט שוין
שיעור נישט פאסירט...
און מיר ווילן נישט
דארפן ווארטן עס זאל
ח"ו דארפן פאסירן...

## גייט מיט א רעפלעקטאר
### אין די נאכט שעות




ונשמרתם מאד
לנפשותיכם!

# ברוכים הבאים

מקבלים בזה מע"כ
אנ"ש לרגל בואם
להשתקע בעירינו

מוה"ר **שמואל הערש ווייס** הי"ו
בן מוה"ר **מרדכי** • חתן הרב **שאול שלום בלום**

מוה"ר **שלמה יעקב קליין** הי"ו
בן מוה"ר **ברוך יודא** • חתן מוה"ר **דוד שווימער**

מוה"ר **יוסף הכהן הערמאן** הי"ו
בן מוה"ר **אהרן** • חתן מוה"ר **אשר אלימלך מייזעלס**

מוה"ר **אהרן נחום קאהן** הי"ו
בן מוה"ר **חיים אלימלך** • חתן מוה"ר **שמשון אליעזר מינץ**

מוה"ר **יואל ברוך ווינער** הי"ו
בן מוה"ר **יוסף מרדכי** • חתן מוה"ר **מיכל ווייגנארטן**

מוה"ר **יואל בנימין ווייס** הי"ו
בן מוה"ר **מענדל** • חתן מוה"ר **יעקב שווארץ**

מוה"ר **יואל ראזענפעלד** הי"ו
בן מוה"ר **מענדל משה** • חתן מוה"ר **יוסף שטוהל**

מוה"ר **יואל אשר ראזענבערג** הי"ו
בן מוה"ר **אברהם חנוך אהרן** • חתן מוה"ר **שלמה רובינפעלד**

מוה"ר **אברהם הלוי וואנחאצקער** הי"ו
בן מוה"ר **יחזקאל** • חתן מוה"ר **בצלאל יוסף ווייס**

מוה"ר **שמואל יצחק קליין** הי"ו
בן מוה"ר **ברוך** • חתן מוה"ר **יונה רעזמאוויטש**

מוה"ר **יצחק האראוויץ** הי"ו
בן מוה"ר **יודל** • חתן מוה"ר **שלמה זלמן טענענבוים**

מוה"ר **יעקב טייטלבוים** הי"ו
בן מוה"ר **לייבוש** • חתן מוה"ר **אברהם מאיר פאגעל**

מוה"ר **יעקב יודא לעבאוויטש** הי"ו
בן מוה"ר **ישראל** • חתן מוה"ר **שלום וועבערמאן**

מוה"ר **ישראל שלמה פריעדלענדער** הי"ו
בן מוה"ר **דוד** • חתן מוה"ר **הלל דוב גאנץ**

צוליב וואס עס מופן כסדר אריין נייע משפחות,
און נייע אידישע הויז אייגענטומער, איז מעגליך אז מיר
האבן נישט יעדן ארויפצושטעלן אויף די ליסטע

יהא בואכם לברכה, ואתכם הסליחה

# ברכת מזל טוב

לתושבי עירינו שהשמחה במעונם

מוה"ר **סענדר טענענבוים** הי"ו
לרגל נישואי בנו למז"ט

הרב **שאול יודא מענדלאוויטש** הי"ו
לרגל אירוסי בתו למז"ט

מוה"ר **שלום שלמה שווארץ** הי"ו
לרגל אירוסי בנו למז"ט

מוה"ר **יוסף סאנדל** הי"ו
לרגל אירוסי בנו הבה"ח דוד הערש נ"י

מוה"ר **משה מענדל פאלקאוויטש** הי"ו
לרגל אירוסי בנו הבה"ח ליפא נ"י

מוה"ר **שמעון גערטנער** הי"ו
לרגל אירוסי בתו שתחי' למז"ט

מוה"ר **חיים צבי לעווי** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

מוה"ר **יואל אבראמאוויטש** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

מוה"ר **יואל פעקעטע** הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

מוה"ר **אלימלך דוב אראן** הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

מוה"ר **יואל שלום לאוב** הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

מוה"ר **מרדכי יואל אונגאר** הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

יזכו לראות רב נחת דקדושה מתוך הרחבת הדעת

# ברכת צלח ורכב

לידידינו וידיד נפש כל חי, ברוך הכשרון, שמו מפארים

מוה"ר **חיים גליק** הי"ו

אקטיווע מעמבער אין די יו.זשעי.סי. און רעדאקציע מיטגליד

**צו זיין אנשליסונג אין די נייע ריעל עסטעיט פירמע**

exteam
the expert team making you a homeowner

יהי ה"א עמו, וכל אשר יעשה ישכיל ויצליח

ארייננצושיקן נייעס, ארטיקלען, בילדער
מזל טוב'ס, ברוכים הבאים, בריוו
ביטע זיך פארבינדן מיט די רעדאקציע
אויף אימעיל, שרייבט צו:

**BGVoice@UJCofBloomingGrove.org**